ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"



A project of The Shluchim Office

## כ"ט תמוז תשס"ה

## פרשת מסעי

*טייערע קינדער שלוחים,*

*עס שטייט "משנכנס אב ממעטין בשמחה", ווען דעם חודש פון אב קומט אריין, טוט מען וויניגער זאכן וואס ברענגען שמחה. חסידים האבן אויף דעם געזאגט "ווען חודש אב קומט אריין, טוט מען וויניגער זאכן, אבער מיט שמחה!" אפילו אין די שווערסטע צייטן פון יאר, מוז א איד זיין בשמחה, ווייל נאר מיט שמחה קען מען באמת דינען ה': נאר מיט שמחה קען מען באמת טאן א איד א טובה, און אים מקרב זיין צו אידישקייט.*

*לאמיר ארבעטן צו פארבעסערן אונזערע תורה און מצוות און אונזער שמחה, כדי צו איבערבייטן די טעג צו טעג פון אמת'ע שמחה מיט די התגלות פון משיח נאו!*

## משיח נאו!



### הלכות בית הבחירה– #3

יעצט אין די צייט פון די דריי וואכן האט דער רבי געבעטן לערנען די הלכות וועגן דעם בית המקדש פון דעם רמב"ם. דא זיינען פאראן זיבן הלכות פון דעם בית המקדש. איר קענט לערנען איין יעדן טאג: פון שבת–ראש חודש מנחם אב , ביז נעקסטן פרייטיק - ז' מנחם אב, ווען מיר וועלן אי"ה האבן די נעקסטע הלכות..

א. די מנורה איז געמאכט געווארן פון איין שטיק גאלד

ב. די זעקס ליכט פון די מנורה זיינען אלע געווען גענייגט צו די מיטעלע ליכט

ג. אין פארנט פון די מנורה איז געווען א שטיין מיט דריי טרעפ פאר דעם כהן ארויפצוגיין און צוגרייטן די ליכט

ד. אין די ערשטע מקדש איז געווען א וואנט צווישן די קדש און קדש הקדשים און א פרוכת - אין די צווייטע בית המקדש האבן זיי געהאט צוויי פרוכות.

ה. די פרויען האבן געהאט א פלאץ צו זיצן פון אויבן, צו אראפקוקן אויף די עבודה אין מקדש.

ו. צו באווייזן א פארכט פון די מקדש, איז א איד ניט ארויפגעגאנגען אויפן הר הבית מיט זיין שטעקן.

ז. צו באווייזן א פארכט פון די מקדש, איז א איד ניט ארויפגעגאנגען אויף הר הבית מיט זיינע שיך.

*לאמיר בעטן ביים אויבערשטן אז אין זכות פון אונזער לערנען זאלן מיר טאקע האבן דעם בית המקדש בפועל ממש!*

## לעבן מיט דער צייט



### פרשת מסעי

**זאת הארץ גו' לגבולותי'**

עס זיינען דא אזוינע וואס זאגן אז ס'איז ניט אזוי וויכטיק אז **גאנץ** ארץ ישראל זאל געהערן צו אידן און זיין באזעצט מיט אידן, עס מאכט ניט אויס אויב א טייל פון ארץ ישראל וועט, חס ושלום, ניט זיין ביי אידן.

זאגט אבער תורה, אז אידן און אידישקייט זיינען פארבונדן מיט ארץ ישראל, ווי עס שטייט אין פסוק: כי אם שמור תשמרון את **כל** המצוה גו' ללכת **בכל** דרכיו גו' והוריש ה' את **כל** הגוים האלה מלפניכם גו' **כל** המקום גו' לכם יהי' גו' פחדכם ומוראכם יתן ה' אלקיכם על פני **כל** הארץ אשר תדרכו בה גו' (אויב איר וועט היטן **אלע** מצות און גיין אין **אלע** זיינע וועגן, וועט ג–ט ארויסטרייבן **אלע** פעלקער פון ארץ ישראל, דער **גאנצער** ארט וועט זיין אייערע, דער אויבערשטער וועט אריינגעבן אייער מורא אין דער **גאנצער** לאנד וואו איר וועט טרעטן).

כדי אז א איד, אן ערוואקסענער אדער א אידיש קינד, זאל זיין א גאנצער און געזונטער (**"שלימות העם"**) דארף ער זיך אויפפירן אין דעם גאנצן טעגליכן לעבן (**"בשבתך בביתך ובלכתך בדרך ובשכבך ובקומך"**) לויט ווי די תורה - **"ודברת בם בשבתך גו'"** - פארלאנגט פון אים (**"שלימות התורה"**),

און דורך דערויף גיט אים דער אויבערשטער די ברכה אז ער זאל האבן **"שלימות הארץ"** - אז די גאנצע אידישע לאנד זאל האבן א שייכות צו אים, ער זאל זיין דארטן בעל–הבית.

אזוי ווי ס'איז אבער דא דער יצר וואס איז מבלבל און לאזט ניט אז מ'זאל דאס דורכפירן בשמחה (אדער - ער לאזט אינגאנצן ניט צו אז מ'זאל דאס דורכפירן), זאגנדיק אז דאס איז א שווערע זאך און אזוי ווייטער -

האט דער אויבערשטער מבטיח געווען, אז בשעת א איד, און א אידיש קינד, וועט באשליסן אז א גאנצן טעג וויל ער זיך פירן אין א גאנצער אויפפירונג, ווי א איד דארף זיך פירן לויט "שלימות התורה",

וועט אים דער אויבערשטער געבן גאנץ ארץ ישראל ("שלימות הארץ") נאך זייענדיק אין זמן הגלות, מקיים זיין דארטן תרומות ומעשרות ושמיטה, און איר אפגעבן גאר אינגאנצן ווען עס וועט קומען משיח צדקנו און וועט אים, אונז און ארץ ישראל ארויסנעמען פון גלות, און וועט אלעמען ברענגען אין ארץ ישראל.

און בשעת דער קינד פרעגט: ווי אזוי וועט ער זיך קענען איינקערן

*(המשך אין עמוד 2)*

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org



# דערציילט מיר א מעשה

א בעלזער חסיד האט דערציילט: "איך בין געקומען אין אמעריקא נאך די צווייטע וועלט מלחמה. איך האב חתונה געהאט און איך האב געהאט קינדער. איך האב געעפענט א ביזנעס, און ב"ה מיין לעבן איז געגאנגען זייער גוט. ביז איין טאג האט מיין טאכטער באקומען א שווערע מחלה אין איר אויג. די דאקטוירים האבן זייער מורא געהאט, "מסתמא וועט זי ניט קענען זען," האבן זיי געזאגט!

איך האב ניט געוואוסט וואס צו טאן. אין מיין אלטע היים האב איך געוואוסט צו וועמען זיך דרייען אבער דא אין אמעריקא...

פלוצלונג האב איך געהערט דעם קלינג פון די טעלעפאן.

'האלא. דא רעדט הרב גראנער פון די אפיס פון דער ליובאוויטשער רבי. דער רבי האט מיר געזאגט אז דו האסט א פראבלעם. ער האט מיר געזאגט אז איך זאל דיר איינלאדן קומען דא אויף הילף.'

איך בין געווען אזוי צוטרייסלט. ווי אזוי האט דער ליובאוויטשער רבי געוואוסט וועגן מיר? - איך האב ניט יעמאלט געוואוסט אז א רבי איז א נשמה כללית און פונקט ווי א קאפ, פילט ער די צער פון אלע חלקים פון גוף -

איך האב גלייך גענומען מיין טאכטער און מיר זיינען צוזאמען געפארן צו 770. הרב גראנער האט געמאכט פאר אונז א צייט אויף יחידות.

דער רבי האט געליינט מיין צעטל. 'עס איז גוט צו זען אז דו האסט אמונת צדיקים' האט ער מיר געזאגט, 'אבער דו מוזט שטארקן דיין אמונה אין אויבערשטן און זיך צוריקקערן צו טאן זיינע מצוות. דורך דעם וועט דיין טאכטער האבן איר רפואה.'

איך בין נאכאמעאל אינגאנצן צוטרייסלט געווארן. וויאזוי האט דער רבי געוואוסט? איך האב אויסגעזען ווי א נארמאלע חסיד און איך האב טאקע געהאט אמונה אין צדיקים, אבער דער רבי האט געזען נאך טיפער און האט געוואוסט אז איך האב באמת ניט אזוי געגלויבט אין אויבערשטער ר"ל און איך האב ניט געהיט אלע מצוות.

איך האב גלייך געמאכט א החלטה זיך בייטן.

איך האב זיך צוריקגעקערט ווי אן אמתער בעל תשובה און באלד נאכדעם איז מיין טאכטער אינגאנצן אויסגעהיילט געווארן!!"

# ראש חודש אב

## שבת, א' אב איז ראש חודש

- ☐ איך האב געזאגט יעלה ויבא אין שמונה עשרה און אין מיטן בעגנטשן
- ☐ איך האב געזאגט הלל נאך שמונה עשרה
- ☐ איך האב געדאווענט מוסף
- ☐ איך האב געזאגט "ברכי נפשי" נאך שיר של יום

*(המשך לעבן מיט דער צייט)*

מיטן יצר - דער יצר איז דאך שטארקער, און ס'איז שווער צו איינקערן זיך מיט אים!?

זאגט מען אים "**עוצו עצה ותופר**": די אלע עצות פון דעם יצר, און די אלע עצות פון די מענטשן וואס פאלגן דעם יצר - ווערן זיי אלע בטל,

און דער טעם דערויף איז - "**כי עמנו א–ל**": דער אויבערשטער געפינט זיך מיט יעדער איינצלנעם אידישן קינד (מ'דארף ניט ציילן וויפל קינדער זיינען שוין פרומע, און וויפל זיינען דערווייל נאך ניט אין דעם מעמד ומצב), און ער העלפט אים צו אויספירן זיינע באשלוסן בנוגע צו זיין גאנצקייט ("שלימות העם"), די גאנצקייט פון תורה ("שלימות התורה"), און די גאנצקייט פון ארץ ישראל ("שלימות הארץ"), און ער העלפט אים טאן דאס בשמחה.

*(פון דער רבי רעדט צו קינדער - שיחת י"ג מנחם אב תשל"ט)*



# דעם חסידישן לוח

## די ניין טעג

די טעג צווישן ראש חודש מנחם אב און תשעה באב זיינען זייער טרויעריקע טעג. די טעג זיינען די נענסטע טעג צו דעם חורבן פון אונזערע צוויי הייליקע בתי מקדש.

אין די טעג קויפן מיר ניט קיין נייע קליידער און מען וואשט ניט קליידער. מען וואשט זיך ניט פאר די הנאה פון זיך וואשן. מען טרינקט ניט ווין אין די טעג און מען עסט ניט פלייש.

עס איז זייער וויכטיק אין די טעג צו מערן אין אונזער אהבת ישראל כדי צו בייטן די טעג צו גוטע טעג - טעג פון גאולה.

## ראש חודש מנחם אב

ראש חודש מנחם אב איז די יארצייט פון אהרן הכהן. אהרן איז געווען אן אוהב שלום ורודף שלום. ער האט געזוכט מאכן שלום צווישן מענטשן. אהרן האט זיך פארנומען מיט ענדיקן קריגערייי וואס זיינען געשען צווישן מענטשן. ווען ער איז אוועק זיינען אלע אידן - מענער און פרויען –געווען זייער טרויעריק, און זיי האבן געוויינט א גאנצע חודש.

יעצט אין די צייט, מוזן מיר לערנען פון אהרן און מערן אין אונזער אהבת ישראל. די וועג צו פארריכטן די סיבה פון די גלות - שנאת חנם– איז דורך אהבת חנם - ליב האבן יעדער איד נאר ווייל ער/זי איז א איד!



פרקי אבות
פרק שני

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

בס"ד

**פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים׳ס אופיס פאר מיטוואך, ה׳ אב, און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)**

# שאלות—פרשת מסעי

א. וואס שטייט וועגן חודש מנחם אב? ________________________

ב. וואס טוען מיר ניט אין די ניין טעג(אין צוגאב צו וואס מען טוט ניט אין די דריי וואכן)? -5 1. ______________ 2. ______________

3. ______________ 4. ______________ 5. ______________

ג. ווער איז אוועק ראש חודש מנחם אב? ________________________

ד. וועגן וואס איז ער באוואוסט געווארן? ________________________

ה. וואס איז געווען אין פארונט פון די מנורה? ________________________

ו. פון וואס איז די מנורה געמאכט געווארן? ________________________

ז. וואו האבן די פרויען געזעצן אין מקדש? ________________________

ח. וואס איז געווען ספעציעל וועגן די ליכט פון די מקדש? ______________

________________________________________________

ט. וואס זיינען צוויי זאכן וואס א איד האט ניט געברענגט אויף הר הבית?

א. ______________ ב. ______________

י. וואס דארפן מיר צולייגן אין אונזער עבודה אין די טעג? ______________

________________________________________________

דער געווינער פון פרשת מטות: **לוי יצחק פעוזנער, 9**

נאמען: ______________ ווי אלט: _____

אדרעס: ________________________

אי-מייעל: ________________________

## הצלחה רבה!

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org